בס"ד

שנה ג'
נומער קל"ג
**פרשת חקת**
תשפ"ב

# קריית ברסלב בלומעל

נייע אפטיילונג:
**א מעשה פון תפלה פאר קינדער**

נייע אפטיילונג:
**נאך וועם הייס איך**

## מוהרא"ש זי"ע באזוכט "מחנה תפארת התורה"

די ערשטע יאר זומער אין קעמפ

שנת תשס"ט



**אפשערן פון מענדל נ"י זוהן פונעם ראש ישיבה שליט"א, א' חקת תשפ"ב**

קרית ברסלב ליבערטי

רעדאקציע
**מרדכי אינדיג**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**


**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער ארייגצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**
845.379.1161
136-Huschke Rd Hurkeyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com


**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169

# בריוו
*פון דער רעדאקציע*

## צוויי נייע אפטיילונגען

לכבוד אלע חשובע ליינער

ברוך השם עס איז אדורך נאך א וואך וואס מען האט געקענט צושטעלן פאר די חשובע ליינער ערליכע אינהאלטסרייכע אויסגעהאלטענע ליין מאטריאל וואס ברענגט צו דעם ליינער צו וועלן לערנען און דאווענען.

די וואך האבן מיר בעזרת השם צוגעלייגט צוויי פרישע אפטיילונגען צום בלעטל, איינס איז "נאך וועם הייס איך" א יעדע קינד אדער אפילו עלטערע קענען ארייינשיקן נאך וועם זיי הייסן און א מעשה וכדומה פון דעם מענטש נאך וועם מען הייסט, וואס מען קען זיך פון דעם ארויסלערנען א מוסר השכל אויף למעשה.

אזוי אויך האבן מיר צוגעלייגט "א מעשה פון תפלה פאר קינדער" יעדע קינד קען ארייינשיקן א מעשה פון תפלה וואס ער האט געהאט, און מיטשיקן דריי בילדער פון די מעשה, מען וועט מאכן א גורל פון אלע מעשיות וואס קומט אריין און וועלכע עס קומט ארויס וועט מען ארייינלייגן מיטן אייבערשטנ'ס הילף די קומענדיגע וואך.

מען קען עס ארייינשיקן ביי אימעיל, טעקסט, אדער פאסט.

ליינט און האט הנאה.

# וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 08 | **76°**/57° | | Scattered Thunderstorms |
| Sat 09 | **74°**/52° | | Partly Cloudy |
| Sun 10 | **75°**/53° | | Mostly Sunny |
| Mon 11 | **78°**/56° | | Mostly Sunny |
| Tue 12 | **80°**/59° | | Partly Cloudy |
| Wed 13 | **81°**/61° | | Scattered Thunderstorms |
| Thu 14 | **80°**/59° | | Scattered Thunderstorms |
| Fri 15 | **81°**/58° | | Scattered Thunderstorms |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

# זמנים
Liberty
**פרשת חקת י' תמוז תשפ"ב**

הדלקת הנרות......... 08:17
מוצאי שבת ............ 09:47
מנחה מעריב בלק... 09:30

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר
**דער ראש ישיבה שליט"א ומשפחתו**
**צו די אפשערן פון זייער זוהן למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און אלע קינדער.

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך ארויסגעצויגן אין שטעטל.
**מו"ה יואל שניטצלער הי"ו וזוגתו מלכה תחי'**
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל.

קהל היכל הקודש · קרית ברסלב

# ונשמרתם מאד לנפשותיכם

ברוך השם די זומער האט זיך אנגעהויבן, און מיט דעם קומט מיט מער קארס אויף די ראודס אין שטעטל, אבער אויך איז דא אסאך מער קינדער וואס שפילן זיך אינדרויסן מער ווי א גאנץ יאר.

דערפאר ווילן מיר בעטן בכל לשון של בקשה

## ביטע נישט פארן אויף די ראודס אין שטעטל מער ווי 20 מייל א שעה

עס קען זיך זייער נישט גוט ענדיגן, קיינער וויל נישט קיין בלוט אויף זיין הענט חס ושלום.

אזוי אויך ווילן מיר בעטן די וואס שפאצירן ביינאכט אויף די ראוד, ביטע טוט אן א רעפלעקטער, מען קען אייך נישט באמערקן אן א רעפלעקטער.

החותם בשם הנהלת הקריה

**אברהם משה שטראססער**

181 Huschke Rd. Hurleyville NY 12747 • kiryasbreslevliberty@gmail.com • 845-640-4024



# בריוו צו די רעדאקציע

## שרייבן איבער די היסטאריע פון ישיבה

איך האב זייער הנאה פון די בלעטל, עס איז ממש א עונג שבת עס צו ליינען יעדע וואך, מירווארטן אלע אזוי שטארק עס זאל שוין זיין שבת און מיר זאלן קענען באקומען די בלעטל.

אינמיטן די ארטיקל פון שמאי שטראוז ווערט דארט אריינגעווארפן צווישן די ווערטער אז דער ראש ישיבה איז אריבער א שווערע תקופה ווען מענטשן האבן געפירט א פארביסענע מערכה צו פארמאכן די ישיבה, מיר פרישע מקורבים, הערן כסדר אז עס איז אריבער שווערע מחלוקת אויפן ראש ישיבה, אפשר זאל מען באשטימען א קאלום פון די היסטאריע פון ישיבה, אלעס וואס עס האט זיך אפגעטון זינט דאס עפענונג פון די ישיבה.

מ. ל. ש.

**ענטפער פון די רעדאקציע**

מיר ארבעטן שווער אויף אלע פראנטן, אין היכל הקודש איז אלעמאל דא נייעס, עס טוט זיך כסדר נייע זאכן, אזוי ווי דער ראש ישיבה זאגט אז מען זעט א פיש שווימט מיט די וואסער איז א סימן אז די פיש לעבט שוין ניטש,
אויב די פיש לעבט
איז ער



אלעמאל אקטיוו און שלאגט זיך מיט די וואסערן און גייט קעגן די שטראם.

מיר האפן בקרוב צו צולייגן פארשידענע קאלומס, און צו די זעלבע צייט טוען מיר אפעלירן צו תלמידים און אנשי שלומינו, אז מיר זוכן שרייבער, וואס זאלן ארויסהעלפן מיט די בלעטל כדי מען זאל אנקומען צו דעקן די קאלירפולע היסטאריע פון די ישיבה וכדומה.

***

## בעט א מקור פון מעשה פון א צדיק

ביי די מעשה פון א צדיק פרשת בהעלותך פונעם בעל התניא זי"ע פעלט א מראה מקום, איך האב קיינמאל בעפאר נישט געהערט די מעשה, נישט אז איך זאג לא ראינו איז א ראיה, נאר געוועהנטליך א מעשה פון א צדיק דארף א מקור נאמן.

ש. ב. ל.

**ענטפער פון די רעדאקציע**

מסתמא האט איר נישט באמערקט אז יעדע מעשה ווערט געברענגט מיט א מקור, קען זיין אז עס איז נישט אזוי מערקבאר, אבער אז איר וועט גוט קוקן, יעדע מעשה וואס ווערט געברענגט אונטער דעם קאלום "א מעשה פון א צדיק" איז גענומען ווארט ביי ווארט פון א קונטרס וואס דאס איז א שיעור פון מוהרא"ש זי"ע, די מעשה וואס איר דערמאנט איז גענומען פונעם קונטרס איך וויל בלייבן צווישן אייך.

# צום פינטל

שמאי שטראוס

# פארקאכט א טשולנט

"האסט געהערט? יוחנן האט געעפענט א טשולנט געשעפט".

**וואס הייסט? ער האט געעפענט נאך א געשעפט? ער האט דאך שוין א טשולנט געשעפט?**

ניין, נישט יוחנן פון ירושלים. געדענקסט יוחנן וואס האט געלערנט צוזאמען מיט אונז אין תלמוד תורה, נו, געדענקסט אים זיכער, ער האט געעפענט פאריגע וואך א טשולנט געשעפט, איך זאג דיר אזא טשולנט האסטו נאכנישט פארזוכט, דו מוזט דיך אריבערכאפן דארט א ליל שישי, וועסט נישט חרטה האבן.

**איך האב גארנישט געהערט, ווען האט ער געעפענט? עס איז געווען אדווערטייזד?**

נעע, דו מאכסט א ווערטל יעצט... מיינסט עס ערנסט? האסט טאקע גארנישט געהערט, עס איז געווען אדווערטייזד אל"ל אויווע"ר. לעצטע וואך ליל שישי האט ער געמאכט א גרענ"ד אפענונ"ג, מ'האט זיך נישט געקענט רירן דארט, דער עולם האט געגעסן דארט ווי נאך א הונגער יאר, ס'נישט געבליבן קיין לעק, מ'האט זיך צעכאפט דארט. הערסטע...!

**וואס איז אזוי ספעציעל מיט זיין טשולנט?**

איך ווייס אויך נישט, איין זאך ווייס איך, אזא טשולנט איז נישט דא אין די מארקעט.

**פיין איך וועל מיך אריבערכאפן, לאמיך שוין אמאל פארזוכן אביסל פון דיין עולם הזה... וואס זענען זיינע פרייזן דארט? ער לאזט זיך קאסטן?**

פרייזן ווייס איך נישט, איך האב נישט געצאלט, איך האב געגעסן דארט בחינם. נישט אז איך האב ביי אים א אפענע אקאוינ"ט, נאר יעצט פאריגע וואך האב איך אים געהאלפן, ער האט געוואלט איך זאל אים זאגן מבינות, ער האט מיך גערופן איך זאל אים אביסל צוהעלפן, בין איך אריבערגעגאנגען, איך האב אים אביסל ארויסגעהאלפן.

**איך זע די ביסט האק"ט א"פ מיט די גוטע...**

ניין! פאריגע וואך



**דינסטאג** האט ער מיך איינגעלאדנט פאר א נאכטמאל, ער האט מיר געזאגט אז ער גייט עפענען א נייעם געשעפט, ער האט געוואלט איך זאל אים זאגן מבינות אויף זיין רעסעפי, איך בין אריבער, עס זענען געווען נאך אפאר חברה דארט, דארט האב איך די ערשטע מאל פארזוכט די טשולנט, ער האט מיר מסביר געווען וויאזוי ער מאכט עס, איך ווייס... עפעס האט ער דארט גע'דרשנ'ט... קדום ווייקט ער די פלייש אין וויין, און נאכדעם פרעגלט ער די בונדלעך... פרעג מיך נישט, איך האב אויך נישט פארשטאנען וואס ער רעדט, אבער איין זאך איז זיכער, גוט איז עס געווען.

**מיטוואך** אינמיטן טאג באקום איך א קאל פון אים, ער וויל מאכן אזא קליינע גרענ"ד אפענונ"ג פאר די נאנטע חברים, ער האט מיך געבעטן איך זאל אריבערקומען, איך בין געגאנגען, איך זאג דיר איך האב נישט חרטה געהאט, עס האט זיך געגאסן דארט, דער עולם האט זיך מחיה געווען, ער האט סערווירט נאך זאכן, אבער דער עולם האט פון גארנישט געוואלט הערן, נאר פון די טשולנט.

**דאנערשטאג** איז געווען די גרענ"ד אפענונ"ג פאר די פאבליק, איך האב אים געהאלפן אנגרייטן די עווענ"ט, האסט נישט קיין אנונג וואס דארט האט זיך אפגעטון, מען האט געשטראמט פון אלע עקן שטאט, ער האט זיך נישט גערישט אויף אזא עולם, נאך א מזל אז איך האב אריינגעכאפט א צוויי דריי טעלער'ס פאר דער עולם איז אנגעקומען, ווייל ביים סוף איז נישט געווען קיין לעק, וועסט נישט גלייבן, קיין לעק איז נישט געבליבן.

**בקיצור איך זע אז די עסט שוין טשולנט פאר א צוויי דריי וואכן...!**

נישט קיין צוויי דריי וואכן, מאך עס נישט מער ווי ס'איז, היינט איז דינסטאג, פאריגע וואך **דינסטאג** האב איך געגעסן ביי אים טשולנט פאר נאכטמאל, **מיטוואך** איז געווען די פארטי פאר די נאנטע חברה, **דאנערשטאג** איז דאך געווען די גרענ"ד אפענונ"ג, שוין, **פרייטאג** איז דאך פשוט טועמי'ה טשולנט, פרייטאג צונאכט'ס?! פרייטאג צונאכט'ס... איין מינוט, איך דארף מיך דערמאנען... יא **פרייטאג צונאכט'ס** האב איך טועם געווען אביסל טשולנט, **שבת אינדערפרי** ווייסט'עך, זעמיר געווען ביי שמעונ'ען, ער האט דאך געמאכט באווארפן פאריגע וואך, ווען איז טאקע די חתונה? נישט פערצופאל היינט? עניווע"י די קידוש דארט איז געווען נעקס"ט לעווע"ל, עס איז געווען צו האקן, האסט פארזוכט פון די טשולנט? עס איז געווען פיינע נייעס, שבת אינדערהיים ביי די סעודה, ווי קען איך פארשעמען מיין ווייב'ס טשולנט.

**איין מינוט זאג מיר נישט אז זונטאג האסטו אויך געגעסן טשולנט פאר נאכטמאל.**

**יא, זונטאג נאכט** האב איך אויך געגעסן טשולנט, הע, ממש יום שכולו שבת, זונטאג, אודאי, וואס דען, ווי קען איך פארלאנגען מיין ווייב זאל גיין אפקאכן א פרישע נאכטמאל ווען עס איז נאך דא שריים

פון שבת.

**איך זע שוין א גאנצע וואך ביסטו אויף טשולנט... אז איך נעם פון דיר א בלא"ד טעס"ט וועט ארויסקומען טשולנט...**

**וואס טוט זיך עפעס אויסערדעם? יעצט איז דאך דיין סיזען, ניין? די ביזנעס גייט דיר שוין בעסער פון אמאל?**

איין מינוט איך מיין אז מ'רופט מיין נאמען. אונז וועל מיר נאך רעדן א צווייטע מאל. גוט צו וויסן, אז איך דארף אמאל א גוטן טשולנט גיי איך אריין צו יוחנן, ער איז אפן א גאנצע וואך? שוין עניווע"י הצלחה, זיי רופן שוין מיין נאמען, איך בין שוין נעקסט אריינצוגיין צום דאקטער, איך האף עס וועט נישט נעמען לאנג, זיי געזונט.

****

שפעטער אינמיטן טאג קום איך צוריק צום דאקטער'ס אפיס אפנעמען די רעצעפטן פאר די מעדעצינען וואס ער האט פארשריבן פאר מיין קינד, איך זע מיין חבר'ס הוט און רעקל הענגט נאך און די וועיטינ"ג רו"ם אויף די זעלבע פלאץ ווי ער האט עס אויפגעהאנגען אינדערפרי, עס איז אינטערעסאנט, ווילסט מיר זאגן אז ער איז נאך אלס דא זייט דעמאלט?

איין מינוט די יונגעלייט וואס דרייען זיך דא ארום זענען דאך זיינע קינדער, איך האף אז עס איז נישט עפעס ערנסט, און, הצלה איז יעצט אנגעקומען זיי גייען אריין אין צימער פונעם דאקטער, א קאפיטל תהילים קען נישט שאטן, למנצח מזמור לדוד יענך....

איך ווייס נישט פונקטליך וואס עס גייט דארט פאר, איין זאך זע איך... עס טוט זיך א גאנצע איבערקערעניש אינעווייניג, עפעס האלבע'טע ווערטער האב איך אויפגעכאפט, עס איז נישט ADF עפראווו"ד... מען קען זיי קלאגן... ווי אזוי לאזט מען צו א דאקטער טון זאכן אויף די אייגענע האנט.

וואס גייט פאר דארט, טאטע אין הימל.

איך באמערק איינע פון זיינע קינדער, ער ווייסט אז איך בין א גוטע חבר מיט זיין טאטן, לאמיך אים א פרעג טון.

וואס גייט פאר? עס איז עפעס ערנסט? וואס איז געשען מיט דיין טאטן?

דער זון הייבט מיר אן דערציילן: "מיין טאטע איז געקומען פאר א רוטינע באזוך, ער האט אנגעהויבן נעכטן נאכט צו שפירן מילדע בויך קרעמפן, איך האב אים געזאגט ער זאל קודם גיין צום לאקאלן דאקטער אפשר וועט ער אים געבן עפעס עס זאל זיך בארואיגן".

דער זון דערציילט מיר ווייטער: "היינט צופרי האב איך שוין אינגאנצן פארגעסן פון די מעשה, איך ארבעט ביי א קאנסטראקשא"ן סיי"ט, איך האלט אינמיטן דער ארבעט, ווען איך באקום א פאון קאל פונעם דאקטער'ס אפיס איך זאל שוין אריבער קומען, איך האב מיך אזוינס דערשראקן, איך האב אלעס געלאזט פליען און געקומען צו לויפן, איך בין אנגעקומען דא, מיין טאטע איז געווען בלאס ווי די וואנט, דו קענסט דיך נישט פארשטעלן ווי

אזוי ער האט אויסגעזען, איך האב גערופן הצלה, איך בין געגאנגען צום אפיס פרעגן צו זיי ווייסן וואס דא גייט פאר. זיי האבן זיך גע'טענה'ט אהער און אהין, איך האב געמאכט אזעלכע קולות, אז אויב זיי זאגן מיר נישט זאפארט וואס אזוינס האט פאסירט מיט מיין טאטע רוף איך פאליציי.

זיי האבן מיך געבעטן זיצן, ביזדערווייל האט הצלה באהאנדלט מיין טאטע, ער האט נישט אויפגעהערט צו ברעכן, זיי האבן מיך געהאלטן אין איין בארויגן אז ער איז אין א סטאבילע צושטאנד.

בקיצור א מעשה, די סטעף האבן מיר געזאגט אלעס פונקטליך וואס עס האט פאסירט היינט, דיין טאטע איז אריין געקומען, ער האט זיך אפגערעדט אויף מילדע בויך ווייען, דער דאקטער האט אים אונטערזיכט, און געזאגט אז ער האלט אז עס איז נישט קיין ערנסטע זאך, עס וועט גאר שנעל אריבער גיין, דער דאקטער האט אים געגעבן א ספעציעלע טיי וואס דארף כלומר'יש העלפן פאר בויך קרעמפן, און דא האט אלעס אנגעהויבן גיין בארג אראפ, מיין טאטע איז געווארן בלאס, ער האט אנגעהויבן ברעכן, ער האט גע'חלש'ט, ער האט אנגעהויבן אזוי שלעכט שפירן ממש יעדע מינוט איז עס געווארן ערגער.

איך ווייס נישט ווי אזוי א דאקטער נעמט א אחריות צו געבן אייגענע רעצעפטן פאר א פאציענט, איך זאג דיר ער איז א פשוט'ער שוסטער, איך האב שוין לאנג געהאט א חשד אויף אים, איך ווייס נישט ווער ס'האט אים איינגערעדט אז ער איז א דאקטער, איך האב גערעדט צופרי מיט מיין טאטן, ער האט געהאט אביסל בויך ווי', יעצט באטראכטן זיי די אפציע פון אים אריינפירן אין עמערדזשענסי רום, ממש ווי די גמרא זאגט: 'טוב שברופאים לגהינום'. טיי געבט ער?! ער איז אינגאנצן משוגע געווארן?!

ער וויל מיך נאך איינרעדן אז ער האט אים געגעבן סתם א טיי, ער האט מיר געזאגט דארט ווערטער, איך קען עס ניטאמאל נאכזאגן, קאמילן טיי? האסט שוין אמאל געהערט פון אזא טיי? איך ווייס אליין נישט וואס דאס איז, איך מיין אז ער האט זיך צומאלן אפאר גראזליך ביי זיך אין הויף און דאס געמאכט פאר א טיי... און מיט דעם שטאפט ער אן זיינע פאציענטן.

***

ווער געדענקט נאך די איכה ניגון וואס מען פלעגט זינגען אין קעמפ...

דינסטיג ברויט מיט טשולנט... מיטוואך טשולנט מיט ברויט... דאנערשטאג א פרישע באגע"ט מיט טשולנט... פרייטיג טשולנט פאר טועמי'ה... פרייטיג צונאכטס פשוט אביסל טעימה קלה א טעלער טשולנט לכבוד שבת... שבת ביים קידוש א שטיקל מזונות מיט טשולנט... שבת ביי די סעודה טשולנט מיט א קאלט גלעזל ביר... זונטאג פאר נאכטמאל א



פיינעם טשולנט.

אלעס איז בסדר, אלעס איז פיין, אלעס איז גוט, אלעס איז וואויל. געגעסן א גאנצע וואך טשולנט, און גארנישט... פלוצלינג! מאנטאג אינדערפרי האט ער געטרינקען א טיי, קיין איין טשולנט בונדל האט ער נישט אריינגענומען... בלויז א פשוט'ע טיי געטרינקען, און... ער חלש'ט, ער איז בלאס, שוואך, קראנק, ער ברעכט, ממש כלות הנפש.

מוז דאך זיין... אז די טיי איז עפעס געווען פאר'סמ'ט. והא ראי' (מיט'ן גמרא ניגון...) ווילאנג ער האט געגעסן די טשולנט, איז דאך אלעס גוט געווען, ער האט זיך גוט געשפירט, איינמאל ער האט געטרינקען דעם טיי, טאקע דארט האט זיך אנגעהויבן אלע פראבלעמען.

***

מיר טרעפן זיך פול מאל אין א מצב ווען די סימפטאמען פון אונזערע פארדרייטע אויפירונגען קומען ארויס, פיל מאל קומט עס ארויס אויף גאר א ווייטאגליכן אופן, אזש די טעותים וואס מיר האבן געמאכט אין לעבן פראסקענען אין פנים.

מענטשן קענען צומאל נישט קוקן אויף די ווייטאגליכע מציאות אין פנים אריין, עס איז זייער שווער צו מסכים זיין און זאגן "יא, איך האב געמאכט א טעות, יא, איך גיי אויף א פארדרייטע וועג".



דא קען מען זייער שטארק דערקענען די מידות פון א מענטש, א מענטש וואס האט נישט אויסגעארבעט זיינע שלעכטע מידות, וועט ענדערש זוכן איינעם צו באשולדיגן אין זיינע פראבלעמען, ווי איידער מודה זיין על האמת און נעמען די שולד אויף זיך.

אבער פול ערגער איז, ווען מען טוט גאר באשולדיגן נישט קיין אנדערן ווי דעם דאקטער וואס געבט זיך איבער מיט געטריישאפט צו היילן די וואונדן וואס זענען ארויסגעקומען אין רעזולטאט פון דיינע פארדרייטע פירונגען, אזא איינער מוז האבן גאר פארדארבענע מידות.

אלס איינער וואס דרייט זיך אין ברסלב ביי דעם גרויסן רופא נפשות דער הייליגער רבי, און זיינע גרויסע תלמידים; מוהרא"ש זי"ע און דער ראש ישיבה שליט"א, קען איך עדות זאגן אויף פולע פעלער וואס איך האב מיטגעהאלטן פון דער נאנט ווי מענטשן האבן געגעבן א פעלערהאפטיגע חינוך פאר זייערע קינדער, און ווען די סימפטאמען האבן זיך אנגעהויבן ארויסצווזען אויפן קינד, איז ער געקומען ברענגען דאס קינד צום גרויסן דאקטער די תלמידים פון הייליגן רבי'ן, טאקע איידער ער האט געברענגט דאס קינד, האט אויסערליך זיך נאך גארנישט אנגעזען אז עפעס גאר ערנסט גייט פאר מיט'ן קינד. און צומאל זענען די סימפטאמען שוין יא ארויסגעקומען נאך זייענדיג אונטער'ן מאמעס פארטוך, אבער עס איז נישט געווען אזוי מערקבאר, די ביטערע מחלה וואס דאס קינד האט געהאט, איז נאך געווען פארשלייערט אונטערן שיינעם וואלענעם טלית קטן, הונטער'ן בא'חנ'טן חסידיש'ן וועסטל, אונטער די שיין געביגלטע ישיבה כאלאט. אבער ווען דער דאקטער האט אנגעהויבן עפענען די וואונדן, און דאס אייטער וואס האט זיך באהאלטן אונטער די וואונדן האבן אנגעהויבן

ארויסקומען, דאס שמוץ וואס איז געלעגן באהאלטן אונטער דעם אנשטעל פון א שיינעם זיידענעם בחור, האט אנגעהויבן ארויסקומען. פלוצלינג ווערט די האר פארדרייט, די צוויי שיינע לאקעלעך פיאות ווערן פלוצלינג פארשווינדן, דאס קאפעלע ווערט ליידער ווייניגער ווי א כזית... פלוצליג זעט זיך דער פאטער אין א ים פון זאלץ וואסער, ער זוכט ווי מ'קען פטר'ן די מרור... ווי מען קען ארויפשמירן אויף איינעם די פארשימלטע טשולנט וואס ער האט אומוויסנדיג אליין פארקאכט.

אז מען קוקט גוט וועט מען זעהן אז די בחורים וואס וואקסן אויף אין ברסלב גלייך פון חדר ארויף, זעט מען ברוך השם נישט די אלע פראבלעמען, דאס זעט מען נאר ביי די וואס מען איז מקרב פון אנדערע פלעצער.

מיר שטויסן זיך אן כסדר הערנדיג אזעלכע אויסדרוקן:

"עס קומען אריין 'ענקערע' יונגעלייט דאווענען ביי 'אונז' זיי גייען זייער פראסט אנגעטון, פארוואס קען מען נישט אביסל פארלאנגען פון זיי, איר האט דאך יא עפעס א שטיקל השפעה אויף די אלע שוואכע עלעמענטן, פארוואס קען מען זיי נישט זאגן עפעס א ווארט".

"איך זע זיי כסדר 'ענקערע' בחורים זיי קומען ביינאכט צו מיר אין געשעפט, זיי קומען מיט אזעלכע גרויסע טשופ'ס, מיט די גרויסע טעלעפאנען, איר וואלט דאך געמעגט זאגן עפעס א ווארט".

"איך הער אז די נשים דארט ביי 'ענק' גייען מיט די פארשידענע מינים ממינים שונים, די לאנגע שייטלען, מיט די געשמירעכצער. שוין, איך זאג גארנישט... אני את נפשי הצלתי, איך האב נאר געזאגט וואס איך האלט, איר קענט ווייטער טון ווי איר פארשטייט".

אדער: "איך זע 'ענקערע' תלמידים זייער נישט איידל ווי אזוי זיי פירן זיך אויף, שוין, מ'טוט דאך אויף מיט זיי, ס'איז א מורא'דיגע זאך, אבער אפשר דאך קען מען עפעס פועל'ן ביי זיי, זיי זאלן זיך נישט פירן ממש אזוי פראסט, איך פארשטיי אז דאס איז 'ענקער' שיטה אין חינוך, מען וויל אכטונג געבן נישט צופיל זאגן פאר די קינדער, אבער מען דארף דאך - ווי נישט ווי - אראפשטעלן עפעס א גבול..."

***

צומאל וועט א טאטע וואס האט געשיקט זיין זון אדער טאכטער דא, שוין וויסנדיג וואסערע תכשיט ער פארמאגט, אבער אין גאס האט מען נאכנישט געוויסט וואספארא סחורה דאס איז, און אזוי ווי ער איז געקומען צום ראש ישיבה זיך היילן, פלוצלינג, די וואונדן האבן אנגעהויבן צו פלאצן, די ווייטאג הייבט אן ארויסצוקומען, און פארשטייט זיך אז עס ברענגט נישט קיין כבוד פאר די משפחה, יעצט קומט אים אויס גרינגער ארויפצושמירן אלעס אויפן דאקטער, ער איז גאר בא'עוולה'ט געווארן.

אין פרינציפ וואלט ער געצאלט שכר לימוד פאר זיין זון, אבער דאס וועט דאך אויפווייזן אז 'הוברר הדבר למפרע' אז ער איז גאר שולדיג אין די פראבלעמען פון זיין קינד, עס וועט ארויפקומען אויפן אויבערפלאך אז דאס זענען גאר 'זיינע' פירות, אין אזא פאל קומט אים בעסער אויס צו פירן א רוגזה און פראבירן... צו ווייזן פאר זיינע נאנטע, באקאנטע און גוטע פריינט אז דאס וואס זיין קינד זעט אזוי אויס האט ג-א-א-רנישט מיט די גוטע חינוך... וואס ער האט אים געגעבן, עס איז גאר דער דאקטער ווי ער האט

אים געשיקט זיך היילן, דער האט גאר חרוב געמאכט זיין קינד...

אין די שיעורים, ווען דער ראש ישיבה שליט"א, וויל אונז אביסל אויסאיידלען די מידות, ער וויל אונז ווייזן ווי אזוי עס קוקט אויס א מענטש וואס האט נישט געארבעט אויף זיינע פארדארבענע מידות, זאגט ער כסדר סארקאסטיש: "א מענטש מוז האבן דריי זאכן וואס זאלן אים דערהאלטן ביים לעבן, צום ערשט דארף ער האבן לופט צו אטעמען, דערנאך דארף ער האבן ברויט און וואסער צו קענען עסן און טרינקען, און די דריטע זאך וואס ער דארף האבן צום לעבן, וואס איז אפשר גאר די וויכטיגסטע פון אלעם, ער דארף האבן איינער וועם צו באשולדיגן אין זיינע פראבלעמען... אן דעם קען ער נישט לעבן...

***

**פרשת חקת** ווערט גערופן 'חקת' צוליב וואס די מצוה פון פרה אדומה איז זייער א וואונדערליכע מצוה, א מצוה וואס ווערט אנגערופן 'חוק' א גזעזץ, א מצוה וואס מען קען נישט פארשטיין. ווי אזוי ארבעט די מצוה פון פרה אדומה, מען נעמט א רויטע קוה, מען שחט עס, מען פארברענט עס, דער אש מישט מען אויס מיט ריין וואסער, און די אש טוט מען שפריצן אויף א טמא'נעם מענטש, און דער מענטש ווערט ריין.

וואס ס'געשעט נאכדעם וואס דער מענטש ווערט ריין איז זייער וואונדערליך, דאס אפר הפרה טוט ריין מאכן דעם טמא'נעם מענטש, **אבער... וואונדער איבער וואונדער דער כהן וואס שפריצט אויף אים, דער כהן וואס מאכט אים ריין, וואס נעמט אראפ פון אים די טומאה, דער כהן ווערט גאר טמא**, איז דאס נישט א אינטרעסאנטע פלא'דיגע מצוה? יא! עס איז זייער אינטרעסאנט, עס איז זייער א וואונדערליכע מצוה, דערפאר ווערט דאס אנגערופן 'חוק', א געזעץ דאס הייסט א מצוה וואס מיר באגרייפן נישט מיט'ן שכל.

אבער אינטערעסאנט איז, אז היינטיגע צייטן וואס מיר האבן שוין נישט די מצוה פון פרה אדומה, אבער מיט דעם אלעם די וואונדערליכקייט פון די מצוה איז נאך געבליבן, מיר זענען עדות ווי דער ראש ישיבה שליט"א שטייט מיט מסירת נפש, מיט בזיונות און שפיכת דמים, ער קעמפט ווי א לייב אנטקעגן א גאנצע וועלט, פאר איין איינציגע סיבה **'לטהר טמאים'** נעמען נשמות ישראל און זיי ארויסנעמען פון די טיפע בלאטע'ס וואס זיי זענען אריינ(געפאלן) געווארפן געווארן...

"**תשתפכנה אבני קדש בראש כל חוצות... בני ציון היקרים המסלאים בפז**" וויינט דער נביא אין איכה, טייערע בחורים, יונגעלייט, מיידלעך, ווייבלעך, נשמות פון אידישע קינדער, וואלגערן זיך נעבעך, טייערע בריליאנטן וואס איר האט אוועקגעווארפן, איר האט פארקאכט א טשולנט, אבער איר קענט שוין נישט שטיין דערנעבן, איר מוזט עס ארויסווארפן, די ערליכע אידן קריכן אריין אין די דזור"ע, זיי קלייבן אויס די בונדלעך און וואשן עס, רייניגן עס, אבער וואס געשעט פלוצלינג **'לטמא טהורים'** די צדיקים די ערליכע אידן זיי ווערן גאר טמא.

**זיצט זיך א איד פארקוטשקעט אונטערן טלית, און זינגט זיך מיט אזא געוואלדיגע נעימות, אוחח... מיט אזא דביקות, מען קען צוגיין פון מתיקות, 'לטהר טמאים, לטמא טהורים, באומר קדוש'.**

# שטעטל נייעס

## די זומער האט זיך אנגעהויבן בשעה טובה




אין שטעטל איז יום טוב אינדערוואכן, דער ראש ישיבה איז ארויסגעקומען ווילן אויף די זומער וואכן אין שטעטל צוזאמען מיט די בחורים פון ישיבה, קינד און קייט יונג און אלט, אלע זענען פרייליך אלע שמייכלען, עס איז ממש ווי א יום טוב.

אויך ביים ראש ישיבה איז עס ווי א יום טוב, דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן דעם ליל שישי שיעור פרשת קרח אנדערש ווי אלע אנדערע וואכן, דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן: "איך בין אזוי פרייליך צו זיין אין דעם הייליג'ן פלאץ, א פלאץ וואס מען רעדט פון אמונה מען רעדט פון רבי'ן".

דעם ערשטן שבת פון זומער איז פאריבער גאר געשמאק און דערהויבן, באזינדער איז געווען ווען דער ראש ישיבה האט ביים באטע פרייטאג צונאכטס פארברענגט מיט ר' שלמה ברוך בלוי הי"ו עורך ומוציא לאור ספרי מוהרא"ש, דער ראש ישיבה האט אויסגעדרייט די גאנצע באטע צו א שמועס מיט ר' שלמה ברוך, עפעס א שטארקע חביבות האט דער ראש ישיבה צו ר' שלמה ברוך, דאס איז צוליב דעם וואס ער האט מגיה געווען אלע יארן די הייליגע בריוו פון ספר "אשר בנחל", דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט: "ווער עס זוכט א ווארט אין אשר בנחל אין די זיבעציג טויזנט בריוו, זאל רופן ר' שלמה ברוך, וועט ער אים גלייך זאגן פון אויסוויינינג וואו דאס שטייט".

ביי די באטע האט דער ראש ישיבה גערעדט פון די שיינקייט וואס איז דא אין שטעטל, דאס איז א פלאץ וואס מען קען גוט רעדן צום אייבערשטן, מען שטייט נאר אינדרויסן אויפ'ן פארט"ש, איז מען שוין אינדרויסן צווישן די גראז, און מען קען זיך דארט גוט אויסרעדן דאס הארץ צום אייבערשטן.

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון די וויכטיגקייט פון האבן א גוטע חבר, מען זעהט דאך ביי אדם הראשון, ער איז געווען אין גן עדן צוזאמען מיט'ן אייבערשטן - אזוי ווי דא אין שטעטל, נאר איין זאך האט אים געפעלט, דאס איז א גוטע חבר, צוליב דעם איז ער נעבעך אוועקגעפאלן.

ר' שלמה ברוך האט זיך אנגערופן ביי די באטע: "איך בין זיכער אז מוהרא"ש קוקט אראפ פון אויבן און האט אסאך נחת פון דעם שטעטל".

דער ראש ישיבה האט פארציילט אביסל וואס ס'איז אלס פארגעקומען ביי די לויה פון מוהרא"ש: "בשעת מוהרא"ש איז געליגן ביים טשאפל האב איך צוגעזאגט (דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט "איך האב מער ווי צוגעזאגט") פאר מוהרא"ש צוויי זאכן, איינס אז איך וועל מפרסם זיין דיין נאמען פאר די גאנצע וועלט, יעדער וועט וויסן פון מוהרא"ש, און צווייטנס אז איך וועל נישט האבן קיין שום שייכות מיט מחלוקת".

אינדערפרי' האט דער ראש ישיבה געלערנט "זהר הקדוש" און אסאך פון אנשי שלומינו האבן זיך צוגעזעצט און אויסגעהערט די הייליגע ווערטער וואס רבי' שמעון זאגט אונז, די גרויסקייט פון יעדע מצוה, און די נישט גוטע זאכן וואס פאסירט אויב מען זינדיגט חס ושלום.

שפעטער האט מען פארגעלערנט "פעולת הצדיק", מען פלעגט רופן די ברסלב'ע חסידים "די ווידוי'ניקעס" ווייל א שטיק צייט האט דער רבי' געוואלט מען זאל מאכן ווידוי דברים פאר אים, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז היינט דארף מען דאס מקיים זיין מיט'ן רעדן צום אייבערשטן, און מען דארף זעהן אז דער נאמען "ווידוי'ניקעס" זאל טאקע זיין אמת, מיר זאלן מקיים זיין דאס וואס דער רבי' האט אונז געזאגט, און רעדן צום אייבערשטן יעדן טאג.

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט די תורה אין ליקוטי מוהר"ן סימן רפ"ב, וואס רעדט זיך פון דן זיין לכף זכות סיי זיך און סיי יעדן איד, און דאס איז די יסוד פון ברסלב'ע חסידות, קוקן גוט אויף זיך און אויף אנדערע.

נאך שלש סעודות האט זיך ר' שלמה ברוך אויסגעדרוקט אז מיט די איין שלש סעודות תורה קען מען אפלעבן זיבעציג יאר און האבן כוח צו לעבן.

**דער הייליגער רבי' האט געזאגט: "מען וועט זיך ווינדערן אויף די ליבשאפט צווישן אייך".**

# היכל הקודש
# נייעס

אומאן

## פרישע נייעס בנוגע פארן קיין אומאן ראש השנה



ווי שוין באריכטעט זענען די עירפארטס אין אוקריינא אפגעשלאסן שוין עטליכע חדשים זינט דער אנהייב פון די מלחמה צווישן אוקריינא און רוסלאנד. ווי ערוועגט זענען די גרעניצן אויף דער ערד יא געהעריג אפן.

עס וואלט געווען צו ערווארטן אז דער הויפט וועג אנצוקומען קיין אומאן זאל זיין דורך קישינוב אין מאלדאווע, וואס פונעם דארטיגן אינטערנאציאנאלן עירפארט נעמט דער וועג קיין אומאן בלויז פינף שעה.

למעשה אבער קומען רוב אידן וואס ווילן פארן קיין אומאן, דורך פוילן, רומעניע, סלאוואקיע און אונגארן, וואס די וועגן פון דארט נעמט גאר לאנג, א נסיעה וואס געדויערט צווישן צען און צוואנציג שעה געוואנדן פון וועלכע שטאט.

די סיבה דערצו איז וויבאלד דער גרעניץ פונקט צווישן אוקריינא און מאלדאווא איז געווען זייער פראבלעמאטיש, פילע זענען צוריק געשיקט געווארן צו זייער היימלאנד, און אפילו די וואס מ'האט יא גורך געלאזט זענען אבער אויפגעהאלטן געווארן שעות איבער שעות און זענען געווארן אויסגעפארשט און אויסגעפרעגט כאילו ווער ווייסט וואס זיי ווילן דארט טון. דאס האט אוועקגענומען די אפעטיט פון די אלע אידן פון זיך צו באנוצן מיט דעם גרעניץ.

געלויבט דער אייבערשטער אז די וואך איז ארויפגעקומען א פרייליכע דורכברוך, נאכדעם וואס די אידישע קהילה אין קישינוב האט אויסגענוצט איר גוטע קשרים מיט די אוקריינישע רעגירונג, וואס האט נאך פילע פאראהאנלונגען - אנגעפירט דורכ'ן הויפט רב פון מאלדאווע הרב ר' פנחס זאלצמאן שליט"א, גע'פועל'ט אז מען וועט בעזרת השם שטארק פארגרינגערן דאס דורכגיין.

ווי זיי זאגן האבן זיי געגעבן צו פארשטיין די אוקריינע רעגירונג די וויכטיגקייט פון דורכלאזן גרופעס אידן וואס ווילן קומען צו די קברי צדיקים, און ווי זיי זאגן האבן זיי געטראפן אן אפענע אויער ביי די הויכע פענסטערס, וואס האבן פארשפראכן אז די גרעניץ דורכגאנג וועט געעפענט ווערן פאר גרופעס.

מיט דעם אלעם דארף מען געדענקען אז איידער מען מאכט פלענער צו פארן אהין, איז זייער רעקאמאנדירט זיך צו פארבינדן צו א פארלעסליכן טראוועל אגענטור וואס ווייסט די געזעצן און די מצב און די פלעצער, כדי צו פארמיידן קאפ-ווייי און עגמת נפש.

אידישע קינדער זענען ווייטער מתפלל אז מען זאל שוין זוכה זיין צו די גאולה, וואס דעמאלט וועט זיין "לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה", עס זאל שוין הערשן שלום אויף דער וועלט.

אנשי שלומינו ווערן געבעטן ווייטער צו מתפלל זיין אז מען זאל קענען אנקומען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה און אויסבעטן א גוט געבענטשט יאר.

היכל הקודש

## אנשי חיל קאמפיין פאריבער מיט גרויס סוקסעס

דאס יאר איז ברוך השם געווען די פונפטע יאר וואס מען זאמעלט געלט פאר די מוסדות אויף א גרויסע פארנעם, פון רופן אלע חברים משפחה וכדומה.

די ערשטע יאר איז געווען תשע"ח, די קאמפיין האט געהייסן "הארץ". עס זענען דאן געווען אנגעשלאסן אינעם קאמפיין 147 אנשי שלומינו. א יאר נאכדעם האט די קאמפיין געהייסן "מיין לעבן", דעמאלט איז שוין געווען 277 אנגעשלאסן אינעם קאמפיין.

א יאר נאכדעם שנת תש"פ ביים "פרוטה'לעך קאמפיין" איז געווען 395 טיימס. יאר תשפ"א "א וועלט פון חיזוק" איז געווען 450 אנגעשלאסן, און דאס יאר איז געווען 557 אנשי שלומינו אינעם קאמפיין. דאס יאר איז אריינגעקומען מער ווי אלע אנדערע יארן, די אסטראנאמישע סכום פון כמעט זיבן הונדערט טויזנט דאלער.

דא איז טאקע די פלאץ צו באדאנקען אלע אנשי שלומינו בפרטיות, יעדער איינער האט ארויסגעהאלפן וויפיל ער האט געקענט, עס איז באמת געווען צום באווינדערן די געטריישאפט וואס יעדער האט פאר די מוסדות, און אלע האבן ארויסגעוויזן די שטארקע גרייטשאפט און איבערגעגעבנקייט וואס יעדער האט צו העלפן דעם ראש ישיבה שליט"א וואס געבט זיך אוועק נאר אז מיר זאלן האבן אזעלכע הערליכע הייליגע מוסדות פאר אונזערע קינדער לשם ולתפארת.

דער אייבערשטער וועט זיכער באצאלן פאר יעדן פערזענליך מיט אלעס וואס מען דארף.



# "מעשיות פון תפילה"

## ברוך יאקאבאוויטש - קרית ברסלב:

א) איך בין געווען אויפ'ן וועג אריין אין שטאט וואו איך האב געדארפט אויפפיקן שעלוו"ס פאר מיין דריי גוד געשעפט. די וועג האט זיך אביסל פארשלעפט, און איך האב געזען אז איך גיי אנקומען וועגן די קאמפאני פארמאכט, האב איך שנעל אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל נאך יא קענען אויפפיקן די שעלוו"ס.

איך האב אנגערופן די קאמפאני און געזאגט אז איך בין אויפ'ן וועג און ווי עס קוקט אויס וועל איך אנקומען אביסל שפעט, אויב ס'איז מעגליך צו אנגרייטן מיינע זאכן אז איך זאל קיינעם נישט דארפן אויפהאלטן נאר קענען נעמען אלעס און גיין. דער מענטש האט מיר געזאגט אז ער זאגט נישט צו עס זאל קענען ארבעטן ווייל געווענטליך גייט יעדער אהיים גלייך ווען מען שפארט.

האב איך שטילערהייט געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל נושא חן זיין ביי דעם מענטש און ער זאל מסכים זיין צוווארטן פאר מיר, איך האב מסביר געווען פאר דעם איד אז איך קום אריין ספעציעל פון שטעטל, א וועג פון דריי שעה און איך גיי נישט קומען אזוי שנעל נאכאמאל, אויב ער קען באשטיין צו ווארטן פאר מיר, שכח אייבערשטער אז ער האט מסכים געווען.

איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל אנקומען גענוג פרי ווען די קאמפאני איז נאך אפן. שכח אייבערשטער אז איך בין אנגעקומען ממש אפאר מינוט פאר'ן שפארן און איך האב געקענט נעמען מיינע זאכן רואיגערהייט.

זייענדיג דארט האב איך מיך דערמאנט אז איך דארף קויפן נאך אפאר זאכן דארט, האב איך ווידער געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל נאך קענען קויפן אלעס וואס איך דארף, שכח אייבערשטער אז דער ארבעטער איז געווען גרייט מיך צו העלפן מיט א געשמאק, און איך האב געקענט איינקויפן אלעס וואס איך האב געדארפט.

ב) בערך א יאר אהאלב צוריק האט מיר א פאליס אפגעשטעלט און געגעבן צוויי טיקעטס. איך האב עס אריינגעשיקט צו פייט"ן, און יעדע מאל איך בין אריבער געפארן דעם גאס וואו איך האב באקומען די טיקעטס האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל פטור ווערן דערפון, איך זאל נישט באקומען קיין פוינט"ס אויף די לייסענס און עס זאל נישט קאסטן קיין סאך געלט.

אפאר וואכן צוריק איז געווען די קאורט וואו מען האט געדארפט מחליט זיין וואס בלייבט מיט מיינע טיקעטס. שכח אייבערשטער אז איין טיקעט האט מען אינגאנצן ארויסגעווארפן און איין טיקעט האט מען געמאכט פאר א פארקינג טיקעט מיט א מינימאלע אפצאל. שכח אייבערשטער פאר די זאך פון תפילה!

## וואלווי זעלקאוויטש - קרית ברסלב:

איין טאג האב איך זיך אביסל איבערגעארבעט און געשלעפט שווערע זאכן איבער מיינע כוחות וואס אין רעזולטאט האט א אדער אין מיין פיס געפלאצט, איך האב געהאט שווערע יסורים וואס האט מיר נישט ערלויבט צו גיין קיין איין טריט.

איך האב שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז די וויטאגן זאלן אוועקגיין אפילו אן גיין צום דאקטאר. שכח אייבערשטער אז נאך א טאג צוויי איז נישט געווען קיין זכר פון די יסורים, דער אדער וואס דורך מעדיצין פון א דאקטאר וואלט גענומען א וואך צוויי זיך צו אויסהיילן, האט מיט תפילה גענומען צוויי דריי טעג זיך אויסצוהיילן.

## אברהם פוקס - וויליאמסבורג:

איך בין געגאנגען מאכן א פערמיט צו קענען דרייוון און מיט דעם העלפן די ישיבה מיטן טראגן און ברענגען די קינדער אין חדר.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל גרינגערהייט דורך מאכן די טעסט, און שכח אייבערשטער אז איך האב עס געמאכט.

למעשה ווען עס איז געקומען צו געבן מיינע דאקומענטן זענען זיי עפעס נישט געווען צופרידן, און זיי האבן מיר געזאגט אז איך דארף צוריקקומען מיט די נויטיגע פאפירן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז דאס מאל זאל אלעס זיין גוט און איך זאל באקומען מיין פערמיט, און שכח אייבערשטער אז די צווייטע מאל איז אלעס גוט געווען און איך האב באקומען מיין פערמיט.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו
פונעם ראש ישיבה שליט״א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ח לִפְרַט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ בֶּעטְסְט מִיר אִיךְ זָאל דִיר צוּרִיק שְׁרַייבְּן בְּרִיוו; אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר יֶעדְן טָאג בְּרִיוו. **אַלֶע בְּרִיוו פוּן 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה' אִיז פַאר דִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ**, לֵייג אַרַיין דַיין נָאמֶען אוּן לֵיין דֶעם בְּרִיוו כְּאִילוּ עֶס אִיז פַאר דִיר גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן.

דִי בְּרִיוו פוּן 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה' זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים אוּן פַאר אַלֶע וָואס ווִילְן לֶעבְּן מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס הַקְדָּמוֹת לוֹיט ווִי מוֹהֲרַא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

עֶס אִיז דָא אֵיין עֵצָה אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אִין צַייט: "גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ!" אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ טוֹיזְנְט אַזֵייגֶער שְׁטֵייט מֶען אוֹיף סוֹף טָאג. יֶעצְט בִּיסְטוּ אַ בָּחוּר אוּן דוּ בִּיסְט נָאךְ אַלֵיינְס - אִיז אֵיין זַאךְ, וָואס וֶועט זַיין נָאךְ דַיין חֲתוּנָּה אַז דוּ וֶועסְט שְׁלָאפְן אַ גַאנְצְן טָאג? דַיין גַאנְצֶע שָׁלוֹם בַּיִת וֶועט דִיר חָרוּב גֵיין.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ כַאפְּן אִין וָואסְפַארַא סַכָּנָה דוּ גֶעפִינְסְט זִיךְ, דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן צוּ הִיטְן דִי צַייט - זִיךְ **לֵייגְן צַייטְלִיךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ**.

...

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ח לִפְרַט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ בְּרִיוו אַז **קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵּךְ זַיין צוּ פָאלְגְן**; עֶלְטֶערְן דַארְפְן זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז 'אַ וָוארְט אִיז אַ וָוארְט'. אַוַדַאי וֶועלְן זֵיי אוֹיסְפְּרוּבִּירְן דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ', אָבֶּער אַז זֵיי וֶועלְן זֶען אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶרְס אַ וָוארְט וֶועלְן זֵיי וֶוערְן מְחוּנָּךְ אוּן אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

אַז דִי עֶלְטֶערְן אַלֵיינְס זֶענֶען מְסוּפָּק, אָדֶער אוֹיבּ עֶס זֶענֶען דָא חִלּוּקֵי דֵעוֹת צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט. אָבֶּער וֶוען דִי קִינְדֶער זֶעעֶן ווִי דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶר מֵיינוּנְג וֶועלְן זֵיי פָאלְגְן אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מֶען קֶען ווִיסְן אַלֶע עֵצוֹת, מֶען קֶען ווִיסְן אַלֶע חָכְמוֹת אִין חִינוּךְ אָבֶּער **אָן תְּפִלָּה הָאט מֶען גָארְנִישְׁט**. מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער יִרְאֵי הַשֵּׁם; עֶלְטֶערְן וָואס ווִילְן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם טָאג נָאךְ טָאג, אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

דוּ קֶענְסְט נוּצְן דַיין מַעֲשֵׂר גֶעלְט פַאר אַלֶע הוֹצָאוֹת צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן.

# א שיחה
פון דער ראש ישיבה שליט״א



## אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

**אִין אַ שְׁמוּעס אוֹיבּ מֶען וֶועט פָארְן אוֹיף אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעזָאגְט:** בְּנוֹגֵעַ אוּמַאן; פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, הָאבּ אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אָנְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע תְּפִילּוֹת, וַוייל מִיר אַלֶע קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע נֵס מִיר זָאלְן קֶענֶען גֵיין, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**אוּן אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין וֶועגְן אוּמַאן אִיז ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן אַז:** מִיר קוּמֶען אִין אוּמַאן נָאר צוּם רֶבִּי'ן, מִיר קוּמֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיטְ'ן נָאמֶען משֶׁה וֶועלְוְול, עֶס אִיז אַרוֹיס אוֹיף אִים אַ שֵׁם רַע - אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אַז עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים: "משֶׁה וֶועלְוְול, דוּ בִּיסְט אוּנְז אַ בִּזָיוֹן, וֶוער בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט קוּמֶען דָא?" אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן טְשֶׁערִינֶער רָב, 'וָואס הֵייסְט דוּ שְׁרֵייסְט אוֹיף אִים וֶוער בֶּעט דִיר צוּ קוּמֶען דָא? **עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִיר, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן**, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען מֶענְטְשְׁן פוּן רֶבִּינְ'ס צִיוּן'; וַוייל וֶוען מֶען קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם צִיוּן פוּן רֶבִּי'ן קוּמְט מֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם, מֶען קוּמְט נָאר צוּם רֶבִּי'ן.

אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מוֹהֲרָא״שׁ פוּן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְלֶעגְט בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן; נָאכְדֶעם וָואס דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים פְלֶעגְט עֶר זָאגְן 'אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעבְּרֶענְגְט בִּיז אוּמַאן, פוּן דָא אִין וַוייטֶער וֶועט זִיךְ דֶער רֶבִּי זָארְגְן פַאר דִיר'; **וֶוען מֶען קוּמְט קַיין אוּמַאן קוּמְט מֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם, נָאר צוּם רֶבִּי'ן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

# א מעשה

## פון א צדיק



### נִישְׁט װערְן פַּארְנַארְט

מֶען זָאגְט נָאךְ אַז װען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיקְ'ל קַאלוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזִינְגֶען הָאט אֲפִילוּ אַ שְׁטֵיין גֶעקֶענְט צוּגֵיין, בִּפְרַט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג װען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם שְׁטִיקְל פוּן וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעוָואשְׁן דִי נְשָׁמָה, אוּן װער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים הָאט גֶעוַויינְט אוּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

עֶס פְלֶעגְן קוּמֶען צוּ אִים אוּנְגֶערִישֶׁע פּוֹיעֶרִישֶׁע אִידְן, אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אוֹיף 'זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ', אוּ נַגַארִישׁ. אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי פְּשׁוּטֶ'ע אִידְן, וָואס זַיין וַוייבּ הָאט אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן קַאלוּבֶער, זִי הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט דוּ לָאזְט מִיךְ אִיבֶּער אַלֵיינְס, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ: דָאס אִיז דָאךְ אַזָא 'וואוּנְדֶער רֶבִּי', װען דוּ זָאלְסְט װערְן זַיין 'וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף' וָואלְסְטוּ אַלֵיין, אוֹיךְ גֶעקוּמֶען צוּ אִים! זָאגְט זִי אִים: אוֹיבּ אִיז דֶער רֶבִּי אַזוֹי גְרוֹיס זָאל עֶר קוּמֶען אַהֶער! זָאגְט עֶר אִיר: קֶען אִיךְ דֶען בֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל אַהֶער קוּמֶען?! אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועק גֶערִיסְן אוּן גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיקְ'ל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט אַרוּם פָארְן נָאךְ גֶעלְט פַאר פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים אוּן הַכְנָסַת כַּלָה, הָאט זִיךְ אֵיינְמָאל גֶעמַאכְט אַז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִינֶעם דָארְף פוּן יֶענֶעם אוּנְגֶערִישְׁן אִיד, אִיז אִים אַייְנְגֶעפַאלְן: יֶעצְט װעל אִיךְ גֶעבְּן פַאר מַיין וַוייבּ טוֹעם צוּ זַיין וָואס עֶס הֵייסְט וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף בַּיים רֶבִּי'ן, וֶועט זִי מִיר שׁוֹין טְרַייבְּן צוּ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן פְרֶעגְט אִים: וִויפִיל גֶעלְט דַארְף דֶער רֶבִּי הָאבְּן? אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע סְכוּם. זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי: אִיךְ דַארְף הָאבְּן צֶען טוֹיזֶענְט גִילְדְן! הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: רֶבִּי, אִיךְ בִּין גְרֵייט, אָבֶּער אַזוֹי וִוי יֶעדֶעס יָאר װען אִיךְ וִויל פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה לָאזְט מִיר נִישְׁט מַיין וַוייבּ גֵיין, זִי זָאגְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל אַהֶער קוּמֶען, אוּן יֶעצְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין דָא, וִויל אִיךְ אַז דֶער רֶבִּי זָאל זִינְגֶען דֶעם וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף, אוּן דֶעמָאלְט װעל אִיךְ גֶעבְּן דָאס גֶעלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיקְ'ל טְרַאכְט אוּן טְרַאכְט, פְּלוּצְלִינְג רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: אַז אַייזִיק װעט זִינְגֶען וּמַלְאָכִים יֵחָפֵזוּן, װעלְן זִיךְ דִי מַלְאָכִים צַאם לוֹיפְן, אוּן זֵיי װעלְן פְרֶעגְן וָואס גֵייט דָא פָאר? אִינְמִיטְן וִוינְטֶער זִינְגְט מֶען וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף? עֶס אִיז דֶער יוֹם הַדִין יֶעצְט? װעלְן דִי מַלְאָכִים זָאגְן אֵיינֶער פַארְן אַנְדֶערְן: אַייזִיק וִויל דָא אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַ אִיד צֶען טוֹיזֶענְט גִילְדְן, הָאט עֶר גֶעמַאכְט צַאם לוֹיפְן אַלֶע מַלְאָכִים?! נֵיין, אַייזִיק װעט זִיךְ נִישְׁט מַאכְן צוּ נַאר פַאר דִי מַלְאָכִים אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן צוּ שְׁפֶּעטְן. זָאגְט עֶר פַאר דֶעם אִיד: זַיי מִיר גֶעזוּנְט אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט טוּהְן! אוּן עֶר גֵייט אַוֶועק.

פוּן דֶעם זֶעהְט מֶען וִוי וַוייט מֶען קֶען אָפְּנַארְן מֶענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט, אוּן נָאכְדֶעם װעט עֶר נָאךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן זָאגְן אוֹיף אַלֶע מִינֵי וֶועגְן אַז דָאס אִיז אַ מִצְוָה, אוּן מֶען דַארְף אַזוֹי צוּ טוּהְן.

(קונטרס "איך וויל בלייבן צווישן אייך")



# דעם רבינ׳ס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

### קאפיטל 38

**פארזעצונג פון פריער:** אוּם פְרַייטָאג, י״ד נִיסָן, עֶרֶב פֶּסַח, אִיז דֶער קַאפִּיטַאן גֶעפָארְן מִיט עֶטְלִיכֶע אַרַאבֶּער אִין אַ קְלֵיין שִׁיפְל צוּ דִי שְׁטָאט רַאדִישׁ. ר׳ יִצְחָק הָאט גֶעפְּלַאנְט צוּ קוֹיפְן דָארְט מַצוֹת אוּן וַויין אוּן צוּרִיק גֵיין צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיפְ׳ן שִׁיף, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אָבֶּער אַרַיינְגֶעגֶעבְּן אִין קָאפּ אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי אַכְסַנְיָא אִין טְבֶרְיָה הָאט עֶר דָארְט גֶעהֶערְט פוּן ר׳ צְבִי הַארְקֶער אַז זַיין וַוייבּ אִיז פוּן אַ סְפַרְדִי׳שֶׁע מִשְׁפָּחָה אוּן זִי אִיז אַ גְרוֹיס מְיוּחֶסֶת, אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט אַ בְּרוּדֶער אִין רַאדִישׁ וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶער חָכָם אוּן צַדִיק.

...

יֶעצְט הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט דֶערְפוּן, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וִוי אַזוֹי עֶר הֵייסְט, עֶר הָאט אָבֶער יָא גֶעווּאוּסְט דֶעם נָאמֶען פוּן דִי וַוייבּ פוּן ר׳ צְבִי הַארְקֶער, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְפְרֶעגְן אוֹיף אַ חָכָם וָואס הָאט אַ שְׁוֶועסְטֶער אִין טְבֶרְיָה, אוּן מְ׳הָאט אִים גְלַייךְ צוּגֶעוִויזְן וואוּ עֶר וואוֹינְט.

ר׳ יִצְחָק אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים, אוּן דֶער חָכָם הָאט שׁוֹין גֶעהַאט גֶעהֶערְט אִיבֶּער אַלֶעס וָואס ר׳ יִצְחָק הָאט דֶערְצֵיילְט אִין הוֹיז פוּן עֶרְשְׁטְן חָכָם, אוּן גְלַייךְ וֶוען ר׳ יִצְחָק אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן דֶער חָכָם אִים גֶעזָאגְט, ״דַארְפְּסְט גָארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, מַעֲשִׂיוֹת וֶועסְטוּ מִיר דֶערְצֵיילְן, אִם יִרְצֶה ה׳, בַּיים סֵדֶר. ר׳ יִצְחָק הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעווּאוּנְדֶערְט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶע׳חָלוֹמְ׳ט אַז דִי יְשׁוּעָה וֶועט קוּמֶען אַזוֹי שְׁנֶעל אַז עֶר וֶועט שׁוֹין קֶענֶען זִיצְן דָארְט בַּיים סֵדֶר.

דֶער חָכָם הָאט אִים גֶעזָאגְט, ״מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט מִיטְ׳ן קַאפִּיטַאן אוּן מִיר הָאבְּן אִים שׁוֹין אָפְּגֶעהַאלְטְן אַז עֶר זָאל אַייךְ מוּזְן אַרוֹיסְלָאזְן פוּן זַיין שִׁיף. גֶעלְט וֶועט אִים טַאקֶע דַארְפְן גֶעבְּן וִויפִיל עֶר וִויל, אָבֶער גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט אַייךְ גֶערַאטֶעוֶועט, אַז עֶר הָאט צֶעמִישְׁט דֶעם קַאפִּיטַאן עֶר זָאל דִיר לָאזְן אַרַיין אִין שְׁטָאט. דֶער קַאפִּיטַאן אִיז אַ בַּאוואוּסְטֶער גַזְלָן, זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר שְׁרַייבְּט זִיךְ אוּנְטֶער אַז עֶר שְׁטַאמְט פוּן דִי פִינְף קֶענִיגְן פוּן פְּלִשְׁתִּים. יֶעצְט אִיז אָבֶער נִישְׁט דִי צַייט צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיוֹת. קוּם, לָאמִיר דִיךְ נֶעמֶען צוּם שֶׁערֶער, זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב״.

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, מְ׳הָאט אִים גְלַייךְ גֶעפִירְט צוּם שֶׁערֶער, וואוּ עֶר הָאט זִיךְ גֶעשׁוֹירְן אוּן אוֹיךְ זִיךְ אָפְּגֶעבָּאדְן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, אוּן מְ׳הָאט אִים גֶעגֶעבְּן קַאוֶוע צוּ טְרִינְקֶען.

דֶער חָכָם הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, ״וֶוער אִיז דֶער צְוֵוייטֶער אִיד אוֹיפְ׳ן שִׁיף?״, הָאט ר׳ יִצְחָק צוּרִיקְגֶעפְרֶעגְט, ״אִיר הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע?״, הָאט עֶר גֶעעֶנְפֶערְט אַז יָא, וַוייל דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף הָאט זִיךְ דָארְט גֶעפוּנֶען, הָאט ר׳ יִצְחָק אִים גֶעזָאגְט, ״עֶר אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע, אוּן אוֹיךְ אַן אֵיינִיקְל פוּן הרה״ק רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זי״ע, אוּן עֶר אַלֵיין אִיז אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶער חָכָם, אַזוֹי וִוי אִיר וֶועט שׁוֹין אַלֵיין זֶען״.




ציון רבי נחמן הוירידענקער זי״ע אין טבריה

דֶער חָכָם אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דָאס צוּ הֶערְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ אוֹיסְצוּלֵייזְן פָּשׁוּטֶע אִידְן אִיז אוֹיךְ גָאר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוּנְטֶערְגֶעשִׁיקְט אַזַא זְכוּת צוּ קֶענֶען אוֹיסְלֵייזְן אַזַא גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נָאךְ אוֹיךְ אַן אֵיינִיקְל פוּן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

דֶער חָכָם הָאט זִיךְ גֶעיָאגְט צוּ קֶענֶען גֵיין צוּם שִׁיף אָפְּנֶעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אִינְצְוִוישְׁן הָאט אָבֶער אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ גֶעשְׁלֶעג צְוִוישְׁן דִי אַרַאבֶּער, סְ׳אִיז גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי וַוייט אַז זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ הַרְגְ׳ענֶען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, סְ׳זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְט פִילֶע גֶע׳הַרְגְ׳טֶע. וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אִיבֶּער דֶעם, אִיז דֶער חָכָם גְלַייךְ אַנְטְלָאפְן מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַרַיין אִין זַיין הוֹיף, זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ מִיטְגֶענוּמֶען דָארְטְן ר׳ יִצְחָק, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן דָארְט אַיינְגֶעשְׁפַּארְט פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה, אוּן דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין צוּם שִׁיף וַוייל דִי נַאכְט אִיז שׁוֹין צוּגֶעפַאלְן.

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי״ה

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו

# הפצה ווינקל




## בְּרִיוו

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ז׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו מִיט דִי בִּילְד וִוי דוּ דְרוּקְסְט דִי גִלְיוֹנוֹת.

דָאס בִּילְד פוּן דַיין פְּרִינְטֶער וואוּ דוּ דְרוּקְסְט דִי גִלְיוֹנוֹת אִיז מֶער פוּן אַלֶע קְרֶעכְצְן אוּן דָאס וֶועט דִיר צוּרִיק קוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וַוייל וֶוען מֶען טוּט אַ גוּטֶע זַאךְ אִיז עֶס מֶער פוּן אַלֶעס. אַזוֹי וִוי דֶער פְּרִיעֶרְדִיגֶער לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - דֶער רַיֵי״ץ - הָאט גֶעזָאגְט: ״**טוֹבָה פְּעוּלָה אַחַת מֵאֶלֶף אֲנָחוֹת**״, עֶס אִיז מֶער אֵיין גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פוּן טוֹיזְנְט קְרֶעכְצְן; מִיט דֶעם וָואס דוּ דְרוּקְסְט דֶעם ״**גִלְיוֹן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**״ אוּן דוּ אוּן דַיינֶע קִינְדֶער פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דָאס אִין אַלֶע שׁוּלְן אִין לָאנְדָאן טוּסְטוּ מֶער אוֹיף פוּן אַלֶע קְרֶעכְצְן וְכוּ׳.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים; מִיטְ׳ן פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת פַאר דִי לָאנְדָאנֶ׳ע אִידְן מַאכְסְטוּ אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַ מֵפִיץ זֵייעֶר חָשׁוּב**, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יִצְחָק מְדְרָאבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז אִים רַשִׁ״י הַקָדוֹשׁ אַנְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים טוּט אַייעֶר זוּן דֶער צַדִיק רֶבִּי מִיכְל׳עֶ זְלָאטְשׁוּבֶער אַז דָא אִין הִימְל מַאכְט מֶען אַזַא רַעַשׁ פוּן אִים?״ הָאט רֶבִּי יִצְחָק מְדְרָאבִּיטְשׁ גֶעעֶנְפֶערְט: ״עֶר לֵייגְט אַרַיין שְׁטַארְקֶע כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶונֶען וְכוּ׳״, הָאט אִים רַשִׁ״י הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט: ״פַאר דֶעם אַלֵיינְס וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט אַזַא רַעַשׁ דָא אִין הִימְל פוּן אִים; אַסַאךְ צַדִיקִים לֵייגְן אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶונֶען אוּן מֶען מַאכְט נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן זֵיי״, הָאט דֶער טַאטֶע וַוייטֶער גֶעזָאגְט: ״עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג״, הָאט אִים רַשִׁ״י הַקָדוֹשׁ גֶעעֶנְפֶערְט: ״דָאס קֶען אוֹיךְ נִישְׁט זַיין דִי סִיבָּה, וַוייל אַסַאךְ צַדִיקִים לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן פַאר דֶעם אַלֵיינְס רַעַשְׁ׳ט זִיךְ נָאךְ נִישְׁט״, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״צוּלִיבּ זַיין חֶסֶד אוּן צְדָקָה וְכוּ׳״, הָאט רַשִׁ״י הַקָדוֹשׁ נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, בִּיז רֶבִּי יִצְחָק מְדְרָאבִּיטְשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״אֶפְשָׁר וַוייל **עֶר בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**? עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק״, הָאט רַשִׁ״י הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט: ״**הַיְינוּ דְאַהֲנִי לֵיהּ**, יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס עֶס רַעַשְׁ׳ט זִיךְ פוּן אִים״; וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דֶער וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זַיינֶע קִינְדֶער צוּ אִים.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת!**



## א מעשה פון הפצה

**שלום אינדיג נרו יאיר פון מאנטריאל פארציילט:**

"שכח אייבערשטער" אז לעצטנס האב איך זיך געשטארקט מער אין הפצה דא אין מאנטריאל.

איין טאג בין איך געגאנגען הפצה ביי הייזער אבער כמעט ביי קיין איין הויז האט מען נישט געעפנט די טיר, איך האב נישט אויפגעגעבן נאר וואו איך האב געקענט האב איך אראפגעלייגט קארטלעך מיט די לאקאלע נומער פון קול ברסלב.

א שטיק צייט שפעטער האב איך געטראפן א אינגערמאן וואס איז מקורב שוין עטליכע יאר, ער וואוינט נישט דא אין מאנטריאל אבער ער קומט פון צייט צו צייט צו זיינע עלטערן וואס וואוינען יא דא. איך טרעף אים און מ׳איז אריין אין א שמועס.

בתוך הדברים פארציילט ער מיר אז ער איז דא געווען לעצנטנס און ער האט געוואלט הערן שיעורים אויפ׳ן טעלעפאן אבער ער האט נישט געהאט די לאקאלע נומער. גייענדיג און א געוויסע געגנט, טאקע דארט וואו איך בין געגאנגען יענעם טאג וואס קיינער האט נישט געעפנט די טיר, האט ער געטראפן א קארטל און ער האט געקענט א רופן פון די לאקאלע נומער.

האב איך געזעהן אז יעדע קארטל האט אן אדרעס, און וואס מען טוט פאר הפצה טוט יא אויף.

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

email:subscribe@kerenhadfusa.org

קאלל, טעקסט, וואטסעפּ: 718.387.2691

# נייעס פון קרן הדפסה

## אייגענארטיגע מיטינג אין קרן הדפסה



אן אייגענארטיגע ערשטמאליגע מיטינג איז פארגעקומען אין בית הדפוס פארגאנגענעם זונטאג חקת, מיט אלע ארויסגעבערס פון די וועכנטליכע גליונות וואס קומט ארויס אין די קהילה, צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

אנגעהויבן האט מען מיט איין גליון היכל הקודש, וואס איז געדרוקט געווארן אפאר הונדערט שטיק וועכנטליך, צוביסלעך זענען די נומערן ארויף, און מען דרוקט שוין היינט אין די טויזענטער, אזוי אויך איז צוגעקומען פרישע וועכענטליכע גליונות, וואס דאס אלעס נעמט צייט צו דרוקן יעדע וואך.

די מיטינג איז געווען זיך אויסצושמועסן צוזאמען די ארבעט וואס ליגט פון ביידע זייטן, פון איין זייט זאל מען פארשטיין די ארבעט וואס ווערט געטוהן דורך יעדן עורך פון יעדע גליון באזינדער, עס גייט אריין שעות פון ארבעט על מנת שלא לקבל פרס, אלס נאר צו אריינגעבן די אמונה אין נאך א איד, און פון די אנדערע זייט פארשטיין די ארבעט און די צייט וואס נעמט צו דרוקן יעדן גליון באזונדער.

ברוך השם עס איז ארויסגעקומען פון דעם מיטינג א געוואלדיגע תועלת און הצלחה אויף ווייטער בעזרת השם.

ביים סוף האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיינע מתנה א ליקוטי מוהר"ן מיט בריוו אריינגעשריבן אינעם ערשטן עמוד, פאר די אינגעלייט וואס געבן אוועק זייערע טייערע צייט צו אהערשטעלן יעדע וואך אזאנע שיינע גליונות.

# בילדער פון קרן הדפסה



מען מאכט איבער די פארקינג לאט פארנט פון בית הדפוס




עס קומט אן פרישע שיפמענט פון "מעשה'לעך פאר קינדערלעך"



מען פאקט אויס די מעשה'לעך פאר קינדערלעך

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| נחמן שמואל יאקאבאוויטש<br>קרית ברסלב | אלי קנאלל<br>מאנסי | ישראל אשר ווייס<br>קרית יואל |
| לייבי ליעבערמאן<br>טאמס ריווער | יחזקאל שרגא קרויס<br>בארא פארק | יעקב שאול פיש<br>בארא פארק |
| אברהם ראטטענבערג<br>קרית יואל | משה איינהארן<br>קרית ברסלב | מעכיל ראטה<br>מאנסי |
| אייזיק ראטה<br>וויליאמסבורג | שמעון פארטיגאל<br>מאנסי | משה פריעד<br>וויליאמסבורג |

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#

email:donate@kerenhadfusa.org

whatsapp: 347.578.4449



## א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

## שבת נשא תשפ"ב

שמואל אייכנשטיין נרו יאיר פארציילט: ברוך השם איך האב געהאט די זכי' צו עסן די סעודה שבת פרשת נשא אינדערפרי ביי דער ראש ישיבה שליט"א.

### שכח פאר די חיזוק יומי

ארויסגייענדיג פון בית המדרש מיט די געסט אהיימצוגיין האט דער ראש ישיבה קאמפלימענטירט יעדעם איינעם עקסטער, אינמיטן וועג האט דער ראש ישיבה געגעבן מזל טוב פאר איינעם (מער איבער דעם שפעטער). אינמיטן וועג האט איינער וואס קיינער האט אים נישט דערקענט - געגעבן א ווארימע גוט שבת פאר דער ראש ישיבה און געזאגט ווי שטארק ער איז זיך מחי' מיט די שיעורים און חיזוק יומי, איינער פון דער ראש ישיבה'ס קינדער האבן געפרעגט נאכדעם דער ראש ישיבה, ווער דאס איז געווען? האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "א שיכור, איך האב דאס יעדן שבת אינדערפרי, מען האלט שוין נאכן קידוש און דער עולם איז אביסל הויעך, געט מען גוט שבת פאר דער ראש ישיבה".

### אז מען היט נישט די אויגן דרייט מען זיך איבער

אינמיטן וועג האט איינער פון די בחורים זיך כמעט איבער געדרייט אויף א שפאלט אין די סיידוואלק. האט דער ראש ישיבה אים געזאגט: "געב אכטונג וואו די גייסט, אז מען האט נישט קיין שמירת עינים דרייט מען זיך איבער".

### הפצה מיטן קרית ברסלב בלעטל

א אינגערמאן האט פארציילט אז ער איז אוועק געפארן אויף שבועות און ער האט מיטגענומען אפאר קרית ברסלב בלעטלעך און עס אראפ געלייגט אין די שול דארט אין געגנט ערב יום טוב. ווען ער איז דארט געווען יום טוב האט ער עס געטראפן ליגן פונקט אויפ'ן פלאץ ווי ער האט עס איבערגעלאזט און ער האט געהאט חלישת הדעת אז זיין הפצה האט גארנישט אויפגעטון, און ער האט עס אריינגעלייגט אין זיין קאר.

מוצאי יום טוב האט ער געגעבן א היטש פאר איינעם און יענער האט געכאפט א בילד פון איינע פון די מעשיות פון תפילה אין די בלעטל, און עס ארויסגעשיקט אויף א גרופ און עס איז געווען א גרויסע הפצה.

איינער האט פארציילט אז פון זיין גאנצע משפחה פארט יעדער איינער צו אנדערע פארשטיפטע רבי'ס איבער די גאנצע וועלט, און זיין זיידע זאגט נאר אים אז אויב פארט ער אויף אומאן זאל ער מער נישט קומען רעדן צו אים.

### ברוך שלא עשנו גוי

אויפן וועג נעבן דער ראש ישיבה'ס הויז איז מען דורך געגאנגען א פארק, דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר איינע פון די אינגעלייט: "נאך מזל איך בין נישט קיין גוי, ווען איך בין ווען א גוי און איך וואלט געטראגן קורצע הויזן וואלט יעדער געזען די פינטלעך אויף מיין פוס".

איך האב באמערקט אז דער ראש ישיבה מאכט זיכער די גאנצע צייט אויפן וועג אז זיינע קינדער זענען מיט אים, און ווערן נישט נעלם.

### ארויפלייגן די טרעפ אויפ'ן וואגשאל

אויפן וועג ארויף צו דער ראש ישיבה'ס הויז האט דער ראש ישיבה געזאגט אז אויף יענע וועלט וועלן די טרעפ זיכער איבער וועגן די עבירות, ווייל מען גייט נישט מיט'ן עלעוועיטער שבת, וועט מען ארויפלייגן די טרעפ אויפ'ן וואגשאל.

מען איז אריין אין דער ראש ישיבה'ס הויז און זיך אוועק געזעצט זיך אפרוען אביסל. דער ראש ישיבה האט יעדן געזעצט, און מען האט אריינגעברענגט די עסצייג און די חלה. מען האט געמאכט קידוש און זיך געוואשן צום סעודה.

<<<<

## א מיידל רירט מען נישט אן

דער ראש ישיבה האט אויסגערימט איין בחור אז זיין מאמע זאגט אויף אים אז זייט ער איז אריין אין ישיבה איז זיי זייער גרינג אינדערהיים, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו זיין ווייב: "ברוך השם אז אונז האבן נאר גרינגע קינדער".

אינמיטן די סעודה האבן איינער פון די קינדער געגעבן א שטופ פאר א צווייטן ווייל ער האט געמיינט אז יענע האט אוועק גענומען זיין פלאץ, האט דער ראש ישיבה זייער שטרענג צוגערופן יענעם און אים געפרעגט פארוואס וואס ער רירט אן מיידלעך, און אים שטרענג געזאגט אז א מיידל רירט מען נישט אן.

איך האב אנאלאזירט א מורא'דיגע זאך ביי די סעודה, איינער פון די קינדער האבן אויסגעגאסן א טעלער עסן אויף איינע פון די געסט, און דער ראש ישיבה האט אים גאר שטרענג געהייסן יענעם איבערבעטן, און ברענגן פאפיר אויפצווישן, און ממש אפאר מינוט שפעטער האט דער ראש ישיבה געהעריג ווייטער געשמועסט מיט דעם קינד און נישט ארויסגעוויזן אז ער איז חס ושלום ברוגז אויף אים.

## אליין קאכן די סעודות

אינמיטן האט דער ראש ישיבה געפרעגט די בחורים אויב ביי זיי מאכט מען אויך די סעודה? די בחורים האבן נישט פארשטאנען וואס דער ראש ישיבה פרעגט. האט דער ראש ישיבה מסביר געווען אז ס'איז דא אסאך משפחות וואס קאכן נישט אליין די סעודה, נאר זיי קויפן אלעס אין גראסערי, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ביי זיי קויפט מען גארנישט ווייל עס איז זייער טייער געקויפטע עסן.

דער ראש ישיבה האט פארציילט פאר זיין ווייב אז ער האט געטראפן איינעם אויפ'ן גאס און ער האט יענעם געגעבן מזל טוב, ווייל זיין זוהן איז געווען איינער פון דער ראש ישיבה'ס תלמידים נאך ווען דער ראש ישיבה איז געווען א מלמד אין וויען - און יעצט איז זיין זוהן געווארן אויפגענומען פאר א דיין.

דער ראש ישיבה האט אויסגעריהמט פאר זיין ווייב יעדע פון זיינע קינדער באזונדער, און געזאגט: "אזא שאד די ביסט נישט געקומען אין שוהל צו זעהן ווי וואויל אלע קינדער זענען".

## פארוואס עסטו נישט?

מען האט אריינגעברענגט טשולנט און דער ראש ישיבה האט זיכער געמאכט אז אלע קינדער זאלן עסן, דער ראש ישיבה האט די גאנצע צייט געפרעגט די בחורים פארוואס זיי עסן נישט...

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז איינע פון די בחורים וואס האבן ממש לעצטנס חתונה געהאט, ווען ער איז געווען א בחור פלעגט ער אסאך מאל עסן ביים ראש ישיבה, און ער איז געווען אזא חסיד פון דער ראש ישיבה, אז יעדע מאל דער ראש ישיבה האט געפרעגט פארוואס עסטו נישט? האט ער גענומען נאך א לעפל... אפילו דער ראש ישיבה האט אים איבערגעפרעגט אסאך מאל.

> אינמיטן ווען האט איינער פון די בחורים זיך כמעט איבער געדרייט אויף א ספאלגע אין די סיידוואלק. האט דער ראש ישיבה אים געזאגט: "געב אכטונג וואו די גייסט, אז מען האט נישט קיין שמירת עינים דרייט מען זיך איבער."

דערנאך האט מען זיך אויפגעשטעלט טאנצן, און דער ראש ישיבה האט געטיילט אייסעס פאר ווער עס האט געטאנצן. דער ראש ישיבה האט געוויזן אויף זיין זוהן יחזקאל אז ער טאנצט ממש ווי זיין זיידע זכרונו לברכה.

איינער פון דער ראש ישיבה'ס קינדער זענען צוגעגאנגען צום ראש ישיבה און געבעטן: "כאפ אן מיין הענט" און געזאגט אז יעצט קען איך פארקויפן מיין הענט פאר פופציג טויזנט דאלער...

## אויסגעניצט די צייט

דער ראש ישיבה האט געפרעגט פארן

בענטשן, וויפיל אזייגער ס'איז, און געזאגט: "אזוי שפעט? מען דארף שוין באלד גיין צו מנחה". דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ווען ער פלעגט דאווענען שבת אינדערפרי אין וויען'ער בית מדרש פלעגט מען שוין האלטן 11:15 נאכן דאווענען, און ער פלעגט שוין אויפשטיין פונעם נאכמיטאג שלאף צוויי אזייגער, און פלעגט דעמאלטס ענדיגן יעדע וואך זוהר און מדרש אויף די סדרה, און דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדריקט: "עס איז געווען גוטע צייטן".

## א מעשה פון תפילה

ביים טיילן די אייסעס האבן אלע קינדער געדארפט פארציילן א מעשה פון תפילה, און אויך דער ראש ישיבה האט פארציילט א מעשה, אז מען האט פארלוירן הערשי'ס שיך און ער האט געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל עס טרעפן, און ברוך השם ער האט עס געטראפן.

## נישט מאכן א עיקר פון געלט

דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינעם אויב סיפורי מעשיות איז שיין געווען, האט יענער געענטפערט אז ס'איז זייער שיין געווען, האט אים דער ראש ישיבה געפרעגט וואס האט מען גערעדט? און יענער האט נישט געדענקט אזוי פונקטליך, האט אים דער ראש ישיבה דערמאנט אז מען מען האט גערעדט מ'זאל נישט מאכן א עיקר פון געלט.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט אלע בחורים וואו זיי האבן געגעסן נעכטן און וואס מען האט דארט גערעדט.

ביים בענטשן האט דער ראש ישיבה אויסגעטיילט בענטשער'ס פאר אלע קינדער און געזינגען צוזאמען יעדעס ווארט הויך. נאכן בענטשן האט דער ראש ישיבה שטרענג געשיקט יעדעם איינעם שלאפן.

## נישט שלאפן מיט די שיך

דער ראש ישיבה איז אריין אין שלאף שטוב און געזעהן אז איינע פון די קינדער זענען אריין אין בעט מיט די שיך, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט אז עס שטייט אין גמרא (יומא ע"ח ע"ב) אויב מען שלאפט מיט די שיך שפירט מען א טעם אזוי ווי ווען מען שטארבט.

דער ראש ישיבה איז אריין אין שלאף שטוב און געזעהן אז איינע פון די קינדער זענען אריין אין בעט מיט די שיך, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט אז עס שטייט אין גמרא (יומא ע"ח ע"ב) אויב מען שלאפט מיט די שיך שפירט מען א טעם אזוי ווי ווען מען שטארבט.

## אויפקערן די שטוב

נאכדעם האבן מיר אנגעהויבן צאמנעמען דעם ראש ישיבה'ס שבת שטוב. דער ראש ישיבה האט אונז געזאגט: "ס'איז דא א ענין וואס הייסט בעזים מען דארף עס נאר נעמען אין די הענט אריין..."

אינמיטן האט דער ראש ישיבה געזעהן אז איינער האט פרובירט צו אויפבעזימען אריין אין שאוול מיט א גראדע רוקן, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: "די קענסט נאכנישט חתונה האבן, מען דארף זיך אראפבייגן ווען מען בעזימט אריין אין שאוול".

דער ראש ישיבה האט געטיילט פאר די געסט צידה לדרך ריקאל"א קענדיס, און אונז געפרעגט אויב מיר האבן שוין געזאגט ש'כח פאר דער ראש ישיבה'ס ווייב, דער ראש ישיבה האט געאגט פאר יעדן איינעם עקסטער צו גיין זאגן ש'כח.

דער ראש ישיבה האט אונז געזאגט אז יעדע מאל מען איז א גאסט ביי איינעם דארף מען גיין זאגן ש'כח פאר יענעם'ס ווייב.

דער ראש ישיבה האט אונז געוואונטשן א הויכע שיינע "גוט שבת".

## ארויסגענומען פון די סעודה

א) מען קען זיין פריילך און שטרענג אין די זעלבע צייט.

ב) דער ראש ישיבה וויל מיר זאלן זיין פריילך אז מיר זענען נישט קיין גוים.

ג) מען קען זיין פריילך יעדע וואך מיט די זעלבע זאך, אזוי ווי דער ראש ישיבה ביי די טרעפ.

ד) ווען מען גייט צו איינעם אויף געסטעריי דארף מען זאגן שכח פאר די סעודה.

* * *

# קלאסיפייד

**בשורה טובה!**

ס'איז אונז געלונגען צו שאפן א פוס דאקטאר
וואס וועט אראפקומען אין שטעטל זונטאג ברק,
פאר קינדער און ערוואקסענע וואס קענען געני־
סן פון ספעציעלע orthopedic wear

זיך איינצושרייבן ביטע רופט
(845) 859-9800
צווישן 12:00 און 6:00
די אנדערע צייטן ביטע לאזט א קלארע
מעסעדזש מיט אייער נאמען און טעלעפאן
נומער און מיר וועלן אייך אי"ה צוריק רופן.

פלאץ איז באגרעניצט, שרייבט אייך איין וואס פריער!

---

**מיר פארשפרייטן אלע גליונות וואס
קומען ארויס וועכנטליך דורך קהילת
היכל הקודש אין אלע היימישע
געגענטער, די זכות איז גאר גרויס.**

**צו נעמען א חלק ביטע רופט יענקי פיש**
**917-474-6118**

---

אײן רומיגע דירה
אין שטעטל אויף
האשקי גאס, צו
פארדינגען פאר
זומער שבתים

ביטע רופט
אברהם הערש וועבערמאן
845-492-0566

---

Electrolysis, Tinting,
Waxing

Please call
N. A. Appeldorfer
845-537-9681

---

## Catskill Messenger Service

**מיר טראגן פעקלעך טעגליך**
**קעטסקילס, בלומינגבורג, קרית יואל און מאנסי.**
**און צוריק ביינאכט**
**מאנסי, קרית יואל, בלומינגבורג, קעטסקילס, און קרית ברסלב ליבערטי.**
**פרובירט צו רופן א נאכט בעפאר**
**ברוך אפעלדארפער**
**914-705-9524**

---




---

Now available
brand new 1
or 2 bedroom
apartment to rent
for the summer

Call Rueven
Birenbaum
347-549-5625

---

א שיינע געשמאקע
דירה אין
שטעטל צו פארדינגען
פאר זומער שבתים

ביטע רופט
יעקב יאקאבאוויטש
347-641-3618

# קלאסיפיידס

ברסלב
שטיצט
ברסלב




NEW SHUTTLE ROUTES AS FOLLOWS

## Monday to Thursday

**9:00 9:30 10:00 10:45 11:30 12:15 1:00 1:45 2:30 3:45 4:30 5:00 5:30 6:00.**

Sunday will start at 10:00. Friday closed.

Bez"h will be punching cards available $40 adult $30 kid. We also accept cash or credit card.

Memberships will no longer run.

*order by texting the shuttle line 845-206-9114 your name, address, destination and route.

*for questions feel free to contact the manager 845-720-0847

*we go local in Shtetl and to Cheder!

Thank you for using the shuttle!

KB HEALTH

גרויסע אויסוואהל פון

**כשר'ע וויטאמינ'ס**

אייך צו האלטן פריש און געזונט

פאר יונג און אלט

We are here to help you choose the right vitamins.

The Zussman Family

**845.293.0418**

KBhealth18@gmail.com



# ענטפערס פון פאריגע וואך




## ווער זענען זיי?

### פון רעכטס צו לינקס

## מחנה היכל הקודש - זומער תשע"א

1. אייזיק ווייס
2. יעקב פיש
3. יצחק הערש האפמאן
4. מנחם מענדל שימשאוויטש

# וואו און ווער זענען זיי?



## שיקט אריין די ענטפער צום רעדאקציע

די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם אינעם קומענדיגן בלעטל




# נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ

קִינְדֶער, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ; מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיבּ יֶענֶער אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד בַּאקוּמְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער שְׁטְרָאף.

הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט (אֲשֶׁר בְּנַחַל חֵלֶק סא, מִכְתָּב י"ב שנב):


דֶער חַזָּן מַאכְט מֶעעע מֶעעע

עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט אַפְּטָא אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶעהַאט דָארְט אַ גְרוּפֶּע תַּלְמִידִים הֵיילִיגֶע אִידְן. נָאכְדֶעם הָאט דֶער צַדִּיק זִיךְ אַוֶועקְגֶעצוֹיגְן קַיין סַאסוּב מִיט אַלֶע תַּלְמִידִים, אֵיין תַּלְמִיד אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין אַפְּטָא, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט זִיךְ אַרִיבֶּער צוּ צִיעֶן קַיין סַאסוּב; עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, זַיינֶע בְּרָכוֹת פְלֶעגְן מְקוּיָּם וֶוערְן.

דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען צוּ אִים פַאר יְשׁוּעוֹת, אַלֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים בֶּעטְן בְּרָכוֹת; אָבֶער דֶער חַזָּן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער לֵץ, אַ מְחוּצָּף, עֶר הָאט גֶעזוּכְט וִוי עֶר קֶען חוֹזֶק מַאכְן פוּן דֶעם אִיד. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען אַלֶע אִידְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען זִיךְ מַזְכִּיר זַיין בַּיי דֶעם אִיד - הָאט דֶער חַזָּן גֶעשִׁיקְט זַיין דִינְסְט מִיט דִי צִיגֶעלֶע עֶר זָאל גֶעבְּן אַ בְּרָכָה פַאר זַיין צִיגֶעלֶע, מִיט דִי כַּוָּונָה צוּ שְׁפֶּעטְן. דִי דִינְסְט קוּמְט אַרַיין אוּן בֶּעט הוֹיךְ: "דֶער רֶבִּי זָאל וִוינְטְשְׁן פַאר דִי צִיג אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר!" הָאט זִיךְ דֶער צַדִּיק אָנְגֶערוּפְן: "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, עֶס זָאל זַיין דֶער וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער צִיג זָאל בַּאקוּמֶען דֶעם שֵׁיינֶעם קוֹל פוּנֶעם חַזָּן אוּן דֶער חַזָּן זָאל בַּאקוּמֶען דִי קוֹל פוּנֶעם צִיג!"

אוּן אַזוֹי אִיז גֶעשֶׁען; דֶער צִיג הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען מִיט אַ שֵׁיינֶעם קוֹל, אוּן דֶער לֵץ, דֶער חַזָּן - הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרוּמֶען: "מֶעע...! מֶעע...! מֶעע...!" אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים! עֶר אִיז גֶעוָוארְן צוּ שַׁאנְד אוּן צוּ שְׁפָּאט; וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מֶעע...! מֶעע...!" פַארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶר אִיז גֶעוָוארְן אוֹיס חַזָּן.

פוּן דֶעם זֶעעֶן מִיר אַז מֶען טָאר נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן אַנְדֶערֶע אוּן זִיכֶער נִישְׁט פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, וַוייל מֶען קֶען בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע שְׁטְרָאף.

# טרעף
## די פאלגנדע ווערטער

**אין ברסלב ברענט א פייער צינד עס אן אין מיין הארץ, אין ברסלב ברענט א פייער צינד עס אן אין מיין הארץ.**

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ג | נ | ו | ת | ס | ל | ש | ע | נ | כ | צ | ס | ח | ה | ל | א | ב | ב | ד | ב | ז | ח | ד | ג |
| ה | נ | י | ח | ס | ב | ד | ט | ק | י | ל | נ | כ | פ | י | י | ע | ר | ד | א | ט | ס | ת | ג |
| א | ל | ט | כ | א | י | נ | ג | ע | ע | א | ק | צ | ח | ב | ג | ת | ס | ב | צ | ו | מ | ג | ק |
| ר | ש | ע | י | י | ב | י | ר | ע | צ | פ | י | י | ע | ר | ר | י | ב | נ | מ | ג | י | ז | ז |
| צ | ל | ק | נ | ר | צ | צ | כ | ד | ד | ט | ש | ע | מ | ו | ו | ע | ת | ס | צ | ש | י | מ | פ |
| ב | ב | ק | ס | ב | ט | ב | מ | נ | י | ז | כ | ע | ס | ג | ב | י | נ | ב | ר | ע | נ | ט | נ |
| צ | ש | ל | ר | ח | ל | צ | י | ג | מ | ס | ט | ע | מ | ל | ר | ב | א | ט | א | ו | ס | כ | מ |
| ס | ב | ב | י | ר | ד | צ | ג | ז | ד | כ | מ | ה | ש | ר | ס | צ | ד | י | ה | ב | נ | א | נ |
| פ | ר | פ | ה | ב | ח | ב | ב | ת | ל | נ | ק | ג | ל | ג | ל | ג | נ | ו | כ | ח | ר | ס | ב |
| א | נ | ב | ה | ח | ח | נ | ו | ש | ת | י | ס | ט | ת | ב | ב | ב | נ | ט | ר | נ | ו | ג | נ |
| י | ש | ח | נ | ט | נ | י | א | ל | ע | י | נ | ש | פ | ג | י | ע | ב | ק | ח | ט | י | ב | ט |
| כ | ה | ל | ד | נ | ה | ב | ד | ת | כ | מ | פ | מ | ק | ל | כ | ו | כ | ס | ת | מ | ג | ר | ד |

העלף נחמן נתן
לייגען קריאת שמע
פארן גיין שלאפן









# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**ל.** לְפִי הַרִחוּק מֵאֱמֶת, כֵּן מַחֲזִיק אֶת הַסּוּר-מֵרָע לְשׁוֹטֶה.

**טייטש.** אויב א מענטש איז ווייט פון אמת, האלט ער אן ערליכע איד פאר א שוטה.

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | 1 | 3 | | | |
| 6 | | | 4 | | |
| | | 4 | 3 | | |
| | | | | | |
| | 5 | | | | 1 |
| | | | 6 | | |



# חידות

## אפטיילונג

די חכמים זאגן: ווער איז א עושר?

א. ווער עס האט אסאך געלט

ב. ווער עס האט א אייגענע הויז

ג. ווער עס פריידט זיך מיט וואס ער האט

ד. ווער עס האט א צדיק

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: די חכמים זאגן יעדער מוטשעט זיך, וואויל איז דער וואס

ענטפער: מוטשעט זיך אין די תורה

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**ליבי אינדיג תחי' - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | 3 | | 2 | 5 | |
| 3 | | 6 | 4 | | 5 | 8 | | |
| 5 | 9 | | 7 | 8 | 2 | | 3 | |
| | 3 | 1 | | | | 9 | 6 | |
| 7 | | 9 | | | | 5 | | 8 |
| | 5 | 8 | | | | 7 | 1 | |
| | 7 | | 8 | 4 | 1 | | 2 | 9 |
| | | 2 | 3 | | 6 | 1 | | 5 |
| | 1 | 3 | | 5 | | | | |

# מעשה פון תפילה פאר קינדער

# נאך וועם הייס איך?

איך הייס:

נאך:

## אביסל איבער אים

איך הייס נאך....

דער צדיק האט....

איך האב צום אייבערשטן איך וועל....

שיקט אריין נאך וועם איר הייסט מיט א שיינע באלערנדע מעשה פון דעם צדיק/צדיקת/זיידע/באבע נאך וועם איר הייסט.

געשריבן דורך:

אויפן בילד:



שיקט

אריין אייער מעשה

פון תפילה מיט דריי געמאלענע

בילדער פון די מעשה

# בילדער
## אפטיילונג








חומש סעודה אין תלמוד תורה קרית ברסלב
מאנטאג קרח תשפ"ב



האברך תלמיד הישיבה ר' משה שמואל שטעסל הי"ו
לערנט פאר דעם דף גמרא אין היכל הקודש ירושלים



דער ראש ישיבה איז מנחם אבל האברך ר' נתן
פריעדמאן הי"ו נאך די פטירה פון א שוועסטער ל"ע.



דער ראש ישיבה לערנט דעם דף גמרא מיט די קינדער
פון שטעטל כיתה ט'



א גרויסע שטארקע צוים אינסטאלירט דורך אברהמי
שטערן נ"י ביי די שטעטל חדר צו קענען שפילן

בס"ד

ענבי הגפן בענבי הגפן

# דבר נאה ומתקבל

## ברכת מזל טוב

שלוחה בזאת לידידנו היקר

ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, מוסר את נפשו למען הצלחת המוסדות בארץ הקודש, משים לילות כימים בעריכת ספרי מורינו ראש הישיבה שליט"א בלשה"ק ובאידיש והבאתם לדפוס, ביתו פתוח לרווחה לכל צרכי הקהילה, הן לתלמוד תורה, הן לבית הדפוס והן לשיעורי חיזוק ועוד.

ה"ה מוה"ר **שמעון עוזר פערל** שליט"א

**ולנוות ביתו החשובה תחי'**

המופקדת על עבודת הקודש בעריכת הספרים במסירות נפש של ממש בכל עת ועונה

**לרגל נישואי בתם תחי' למזל טוב ובשעטו"מ**

ברכותנו שיזכו לרוות נחת מלא חפניים מכל יוצאי חלציהם, מתוך הרחבת הדעת

ויזכו לבנות בית נאמן בישראל לתפארת המשפחה החשובה

המברכים

**הנהלת המוסדות**

תלמידי היכל הקודש בארץ ישראל

אלפי קוראי הגליונות והקונטרסים